**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/27/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**מער זיכערע גאסן: גאווערנער האקול אנאנסירט שיסערייען פאלן מיט נאך 9% אריבער די סטעיט אזוי ווי סטעיט זעצט פאר צו זעהן רעקארד-נידעריגע גאן פארברעכן**

***נאכפאלגנדיג רעקארד-נידעריגע שיסערייען אין 2024, זענען שיסערייען געפאלן 9 פראצענט און שיסעריי קורבנות אראפ 15 פראצענט ביז אפריל 2025 אין פארגלייך צו די זעלבע צייט אפשניט לעצטע יאר***

***געוואלדטעטיגע פארברעכן אינדרויסן פון NYC אראפ אין 2024 אין פארגלייך צו 2023, דערגרייכנדיג נידעריגסטע שטאפל אין פופציג יאר***

***זינט גאווערנער איז אריין אין אפיס אין 2021, זענען שיסערייען אראפ מיט מער פון 50 פראצענט און מארד פעלער זענען אראפ 30 פראצענט***

***גאווערנער שטעלט אהער בודזשעט וואס אינוועסטירט רעקארד-הויכע 347 מיליאן דאלאר אין גאן פארברעכן פארמיידונג פראגראמען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז באריכטעטע גאן פארברעכן אריבער ניו יארק סטעיט האט פארגעזעצט צו פאלן, אנקומענדיג צו די נידעריגסטע שטאפל זינט די סטעיט האט אנגעהויבן האלטן חשבון פון די ציפערן אין 2006. נייע ציפערן פארעפנטליכט דורך די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) ווייזן א 15 פראצענטיגע רעדוקציע אין שיסעריי קורבנות און א 9 פראצענטיגע רעדוקציע אין שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע פון יאנואר 1, 2025 ביז אפריל 30, 2025 – אין פארגלייך צו די זעלבע צייט אפשניט פארגאנגענע יאר – אין קאמיוניטיס וואס באטייליגן זיך אין די סטעיט'ס גאן-פארמישטע גוואלדטאטן עלימינירונג (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו.

"האלטן ניו יארקער פארזיכערט איז מיין הויפט פריאריטעט. זינט איך בין אריין אין אפיס, איז מיין אדמיניסטראציע געווען קאנצענטרירט אויף דאס עלימינירן גאן פארברעכן און רעדוצירן די צאל פון גאן-פארבינדענע וואונדן און טויטפעלער אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אונזערע באמיאונגען ארבעטן, און איך בין פארפליכטעט צו פארזעצן מיט אונזער רעקארד-הויכע שטאפל פון שטיצע פאר גאן פארברעכן פארמיידונג איניציאטיוון אין אונזערע מערסט באטראפענע קאמיוניטיס כדי צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער זענען זיכער."

די ניי פארעפנטליכטע ציפערן קומען פון די 28 פאליציי דעפארטמענטס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי וועלכע באטייליגן זיך אין די סטעיט'ס גאן-פארמישטע גוואלדטאטן עלימינירונג איניציאטיוו. די פאליציי דעפארטמענטס באריכטן אומגעפער 90 פראצענט פון אלע געוואלדטעטיגע פארברעכנס וואס פארמישן הייסע געווער און 85 פראצענט פון אלע געוואלדטעטיגע פארברעכן באריכטעט אינדרויסן פון ניו יארק

סיטי. זינט 2021 וועט גאווערנער Hochul (האקול) איז אריין אין אפיס, זענען שיסערייען אין ניו יארק געפאלן מיט מער פון 50 פראצענט און מארד פעלער זענען אראפ מיט 30 פראצענט.

צווישן יאנואר און אפריל פון 2025, האבן די דעפארטמענטס באריכטעט 156 שיסעריי קורבנות, אראפ פון 183 דורכאויס די זעלבע צייט אפשניט אין 2024; און 139 שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע, אראפ פון 153 אין 2024 — ציפערן וועלכע קומען אלס רעזולטאט פון א קאארדינירטע, ציפערן-באזירטע אונטערנעמונג צו רעדוצירן גאן פארברעכן אין די סטעיט'ס מערסט באטראפענע קאמיוניטיס.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, Rossana Rosado (ראָסאנא ראָוסאַדאָו), האט געזאגט,** "ניו יארק'ס סטראטעגיע ארבעט ווייל עס איז באזירט אויף ציפערן, עס איז געשטיצט דורך פינאנצירונג און געבויט אויף שטארקע שותפות'ן. מיר זענען שטאלץ צו שטיצן אונזערע געזעץ אינפארסירונג און קאמיוניטי שותפים מיט די כלים וואס זיי דארפן צו מאכן יעדע געגנט זיכערער."

לויט די פאראייניגטע שטאטן צענטער פאר קראנקהייט קאנטראל (Center for Disease Control, CDC), איז די מארד ראטע אין ניו יארק געפאלן מיט 8 פראצענט פון 2023 ביז 2024. טויטפעלער ציפערן ווייזן אז ניו יארק האט די צווייט-נידעריגסטע מארד ראטע ארויס פון די 15 מערסט-באוואוינטע סטעיטס און די נידעריגסטע מארד ראטע פון די 10 העכסטע סטעיטס. CDC ציפערן ווייזן אויך אז ניו יארק האט די דריט-נידעריגסטע הייסע געווער-פארבינדענע טויטפעלער ראטע, אריינרעכנענדיג הייסע געווער-פארבינדענע מארד פעלער, בטעות'דיגע שיסן אינצידענטן און זעלבסטמארד פעלער, אין דאס לאנד, זייענדיג נאר אונטער מעסעטשוסעטס און ניו דזשערסי.

ערשטיגע [ציפערן פאר די פולע יאר פון די DCJS ווייזן א 4 פראצענטיגע רעדוקציע אין אלגעמיין אין די נאכגעפאלגטע פארברעכן קאטעגאריעס אריבער די סטעיט](#) אין 2024 אין פארגלייך צו 2023. די 57 קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי האבן באריכטעט אן 8 פראצענטיגע רעדוקציע אין פארברעכנס, מיט 5 פראצענט ווייניגער געוואלדטעטיגע פארברעכנס און 9 פראצענט ווייניגער פארמעגן פארברעכנס.

אין די 57 קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, זענען די פאלגנדע פארברעכן קאטעגאריעס באדייטנד געפאלן פון 2023 ביז 2024, מיט רויבעריי און איינברעך זייענדיג אויף די נידעריגסטע שטאפלען אויפן רעקארד:

- קאר גניבה (אראפ 27 פראצענט)
- רויבעריי (אראפ 11 פראצענט)
- איינברעך (אראפ 8 פראצענט)
- גניבה (אראפ 6 פראצענט)

כדי צו ארויפבויען אויף די פארשריט, טוט גאווערנער Hochul'ס (האקול) לעצטנס-דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 [פארשטערקערן ניו יארק'ס באמיאונגען פאר די זיכערהייט פון די פובליקום](#), אריינרעכנענדיג:

- 347 מיליאן דאלאר אין גאן פארברעכן פארמיידונג פראגראמען וואס האבן שוין געהאלפן אראפטרייבן גאן פארברעכן מיט מער פון 50 פראצענט אין פארגלייך צו די הויכע ציפערן דורכאויס די פאנדעמיע תקופה;
- רעפארמען צו די 'דיסקאָווערי' פראצעדור געציהלט צו רעדוצירן איבערחזר'נדע פארברעכער און פארזיכערן צייטליכע גערעכטיגקייט;
- פארמערטע שטיצע פאר איבערלעבער פון משפחה און סעקסועלע געוואלדטאטן;
- פארשטערקערטע שוץ מאסנאמען פאר טראנספארטאציע ארבייטער און פאסאנזשירן; און

- 77 מיליאן דאלאר צו ארייננגיין אין א שותפות מיט די NYPD צו פארמערן פאליציי אנוועזנהייט אויף פלאטפארמעס און באנען דורכן צייטווייליג העכערן פאטראל שטאפלען פאר זעקס חודשים, צווישן אנדערע וויכטיגע זיכערהייט איניציאטיוון.

דיי בודזשעט רעכנט אויך אריין פארגעזעצטע פינאנצירונג פאר DCJS איניציאטיוון וואס שטיצן לאקאלע געזעץ אינפארסירונג, קאמיוניטי-באזירטע געוואלדטאטן פארמיידונג און קורבנות סערוויסעס. די DCJS האט אויך לעצטנס איינגעמאלדן פאר געזעץ אינפארסירונג און קורבנות סערוויס פראפעסיאנאלן איבער זייער ערשטע רונדע פון פינאנצירונג דורך די סטעיט-ברייטע 'געציהלטע רעדוקציעס אין אינטימע געוואלדטאטן' (Statewide Targeted Reductions in Intimate Violence, STRIVE) איניציאטיוו, וואס טיילט צו מיטלען פאר פאליציי, פראקוראָרן און קורבנות הילף פראָוויידערס כדי זיי זאלן קענען בעסער אדרעסירן געוואלדטאטן דורך אינטימע פארטנערס (מאן/ווייב/א.ד.ג.) אין קאמיוניטיס וואו די נויט דערפאר איז גרויס.

דעטאלירטע ציפערן איבער שיסעריי אינצידענטן, קורבנות און מארד פעלער לויט די פאליציי דעפארטמענט זענען פארעפנטליכט אויף די [DCJS סטאטיסטיקס בלאט](.).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן